„צושטערטע לעבענס"

ראמאן פון קאנאדיש אידישען לעבען.

(ספעציעל געשריבען פאר'ן „זשורנאל")

פון י׳׳ב״ם

(13־טע פארזעצונג)

ווען ער איז ענדליך איינגעשלאפען, האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז זיין גיטעלע שטעהט ביי איהם אין סטאר, זי איז דאס די סיילסליידי זיינע, און ער זעהט ערגעץ פון וויטען א צווייטע מיידעל, א קליינע מיאוס'ע באשעפעניש, וועלכע קומט איהם פאר קענטליך אבער עס עקעלט איהם פון איהר. ווען ער האט זיך גוט אונגעקוקט האט ער דערזעהן אז דאס איז קיידי.

ער האט זיך דאן א קעהר געטאן צו זיין גיטעלע, ער האט זי צוגעדריקט צו זיין הארץ, בארעקט איהר פנים מיט הייסע קושען און שטיל געמורמעלט:

— איך ליעב דיך טייערע. דו ביזט א מלאך. האסט אין זיך א גאלדענע נשמה. א, ווי הייס איך ליעב דיך!

ער האט זיך דאן אויפגעכאפט און דערזעהן אז ער ליגט אויף זיין געלעגער און אז ער האלט זיין קישען צוגעדריקט צו זיין הארץ. ער האט זיך דערפיהלט אומגליקלאך און עלענד. אבער באלד האט ער זיך דערמאנט, וואס ער האט נעכטען באשלאסען, און ער איז געווארען א פעהליבער.

ער האט זיך שנעל אנגעטאן און א באפ טוענדיג עטוואס אין מויל, איז ער געלאפען צום סטאר.

ער האט נעהאט פארשלאפען. עס איז שוין געוועזען ניין דער זייגער. די סיילסמיידעל שטעהט שוין געווים ביי דער טיר פון זיין סטאר און ווארט אויף איהם.

ער איז אהיבער געלאפען שנעלער ווי אימער.

זיין געדאנק איז געוועזען אפגעמאכט, דאס אזוי שנעל ווי ער וועט צוקומען צום טיר און געפינען זי ווארטענדיג, זאל ער איהר ערקלעהרען. אז ליידער מוז ער איהר ענטזאגען פון דער שטעלע און אז ער באצאהלט איהר דאס געהאלט פאר דער נאטיס וואך.

נאכהער, האט ער זיך געטראכט, וועל איך גלייך קיפען אוועקשיקען מיין בריעף אהיים, און דאן וועל איך ערשט עפענען דעם סטאר און זיך דערפיהלען ווי ניי געבוירען.

די גאנצע צייט פון זיין גאנג, האט ער זאגאר ניט געוואלט טראכטען פון וועגען קיידי'ס געשטאלט, וועלכע ציבער אויף איהם. ער האט עס פון זיך געטריבען ווי דאס וואלט געוועזען א בייזער קאשמאר.

אין א מאמענט איז איהם אפילו ניט איינגעפאלען די פראגע, אויב ער וועט עס טאקע קענען אויספיהרען, אויב ער וועט זיך אין דער לעצטער מינוט ניט פארלירען, אבער ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און זיך געשטארקט.

— איך וויל פון נארניט וויסען, האט ער זיך זעלבסט צוגעגעבען מוט. זי מוז געהן און זי וועט געהן. איך טאר ניט טראכטען וועגען די רעזולטאטען. עס דארף מיך ניט ארען וואס זי וועט אויף מיך זאגען, וואס זי וועט וועגען מיר דענקען. זי טאר ביי מיר ניט פארבלייבען א טאג. זי מוז געהן. ניט איך האב זי געקענט, און ניט איך וויל זי קענען.

ער איז שוין געוועזען ניט ווייט פון סטאר, ווען ער האט דערזעהן אז ביי זיין טיר שטעהען עטליכע פרעמדע מענשען, און צווישען זיי אויך קיידי און איהר פאטער.

צום טייפעל, האט ער אויסגעשריען, עס איז שוין אזוי שפעט, דאס געשעפט איז פארמאכט און די קאסטימער מיינע וועלען זיך וואונדערען, וואס מיט מיר האט פאסירט.

ער האט פארשנעלערט זיין גאנג און אין א פאר מינוטען שפעטער, איז ער שוין געוועזען ביי זיין סטאר מיט זיין שליסעל אין האנט, גרייט צו עפענען די טיר.

„א שעהנער געשעפטסמאן — האט איהם באגריסט זיינער א קאסטימער — שלאפסט זיך ביז ניין אזייגער. און דו ווילסט גאר ניט וויסען אז מיר דארפען זיך איילען צו כאפען א טריין. אט האב איך היינט צוליעב דיר פארשפעטיגט מיין טריין און איך וויל שוין מוזען פאהרען אין אן אנדער קאנטרי, אין א פלאץ וואו איך ווייס פאראויס אז איך וועל דארט קיין גרויסע גליקען ניט מאכען".

— אמענש איז ניט קיין מאשין, — האט גאלדוואסער אפגעענטפערט. — עס טרעפט אז מען פארשפעטיגט זיך. איהר ווייסט דאך אלע אז דאס טרעפט ביי מיר זעלטען.

ער האט דערביי אויפגעעפענט די טיר און אלע זענען אריין אין סטאר.

עס איז געווארען אביסעל בייז. די פעדלערס האבען זיך געאיילט אוועקצופאהרען און זיי האבען אויף שנעל זיך געאיילט אפצוקלייבען זייערע נויטיגע סחורות. גאלדוואסער און קיידי זענען געשטאנען אין זייערע איבערמאנטלען און באדינט די קאסטימער. זיי האבען פשוט קיין צייט ניט געהאט צו אויסטאן זיך.

עס האט גענומען ביי א שטונדע צייט, ביז די קאסטימער האבען אפגעקליבען אלץ וואס זיי האבען באדארפט, און האבען שנעל פארלאזען דעם סטאר.

ווען די סטאר איז שוין אפגעליידיגט געווארען פון אלע פעדלער און ער איז פארבליבען אליין מיט קיידי'ן, האט ער צום ערשטען מאל אויפגעהויבען זיין בליק צו איהר און געוואלט עפעס זאגען.

זי איז געשטאנען ביים דעסק. זי האט ערשט אויסגעטאן איהר מאנטעל, און מיט ביידע הענט צוגעגלעטעט איהרע שעהן פארקעהמטע האר אויף'ן קאפ.

דעם פריהמארגען האט זי אויסגעקוקט גאנץ ניי. זי איז געוועזען געקליידעט אין א טונקעל־רויטער בלוזקע, און דאס האט צו איהרע שווארצע האר צוגעגעבען א זעלטען שעהנעם עפעקט.

ווען גאלדוואסער האט אויף איהר א קוק געטאן איז אין איהם יעדער אבער אפגעשטארבען. ער האט אין דעם מאמענט באגריפען, אז זיינע אלע געדאנקען פון נעכטען, זענען ניט מעהר ווי א חלום.

ער האט גלייך זיך איבערציינט, אז אין איהר אנוועזענהייט איז זיין גיטעלעס געשטאלט אזוי ארעם און בלאס, דאס ער קען זיך גאר ניט פארשטעלען ווי אזוי עס איז מעגליך אז ער זאל גיטעלען גאר אין זינען האבען.

ער איז פון איהר אויסזעהן ענטציקט געווארען. זי האט אין איהר רויטער בלוזקע געהאט דעם זיבעטען חן, און זי האט געקענט באצויבערען יעדען איינעם וואס האט אויף איהר א קוק געטאן.

ער האט פון איהר ניט געקענט אפרייסען זיין בליק, און פאר עטליכע סעקונדען לאנג האט ער זי שטום אנגעקוקט, ווי ער זאל וועלען טרעפען ווער זי איז.

קיידי איז פון זיינע בליקען אויף איהר אביסעל צומישט געווארען זי האט זיך פארשעהמט, אויף איהר געזיכט האט זיך באוויזען א יונגנט־רויטקייט, און אויסשיסענדיג מיט א געלעכטער, האט זי איהם א פרעג געטאן פארוואונדערט:

— וואס קוקסטו מיך אזוי אן מר. גאלדוואסער? דערקענסטו מיך ניט?

(ווערט פארגעזעצט)



דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לאמביינע, ברייט'ס קראנקהייט, דיאבעטיס, רוקען שמערצען, הארץ שמערצען און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען. און דארום קענען זיי ניט טאן זייער ארבייט.

די תלמוד תורה יצחק ריינעס
פון 175 יוקליד עוועניו

לאזט וויסען, דאס אום עס זאל ניט געשטערט ווערען דער סיסטעם פון לערנען וועלען אנפאנגער תלמידים אריינגענומען ווערען נאר ביז'ן ערשטען נאוועמבער.

תלמידים, אינגלאך און מיידלאך, ווערען אריינגענומען א גאנצען טאג ביז 10 א זייגער אין אווענט.

די למודים זיינען: העברייאיש, תנ"ך, תרגומי תפילות, דקדוק, קריאת הטעמים, לעזען אידיש, האנדשריפט, אידישע געשיכטע און שירי ציון. אויך וועט דיזען זמן געעפענט ווערען א קלאס פאר העכערע למודים, וואס דער רבי ליוואי וועט אליין לערנען מיט'ן קלאס.

מיט ציון גרוס,

יצחק שטארקמאן, סעקרעטער.

4721-11-2)

מיידלאך און ווייבלאך

ארדערט אייערע דרעסעס ביי

מרס. גלאסמאן

מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער וואהרע, גוט און ביליג.

16 בעלוויו עוועניו

טעלעפאן טריניטי J 0538

ONTARIO

די אנראטה מעטאל סיילס עקט, 1924.

אלע פאר־אינטערעסירטע פארטיעס זאלען זיין אזוי פריינדליך און נעהמען אין אמבאטראכט, אז דער אויבענדערמאנטער נעזעץ וועט אריין אין קראפט דעם ערשטען טאג פון נאוועמבער, 1924.

דער געזעץ לויטעט אז קיין שום ניט־אויסגעארבייטע גאלד, זילבער, פלאטינום, פאלאדיום, אדער אירגענד־וועלכער אנדערער שאצבארער מעטאל אדער מעטאלען זאלען ניט געקויפט ווערען, פארקויפט ווערען, געהאלטען ווערען, ערהאלטען ווערען אדער איבערגעגעבען ווערען לויט אן אפמאך, פארפליכטונג אדער אנדער וועג אויסער אונטער דער אויטאריטעט פון א "לייסענס", וואס ווערט ארויסגעגעבען פונ'ם אונטערגעצייכנעט. "אנראטה מעטאל" ווי עס איז באצייכנעט אינ'ם געזעץ, שליסט איין רויע שטאף פון אזעלכע מעטאלען ווי "נאגעטס" אדער אזוי גערופענע "מעטאליקס" און אין אלגעמיין דער גאנצער אויבענדערמאנטער מעטאל, אהן אונטערשייד אויב דאס איז ראפינירט אדער אין וועלכער ניט־איז אנדערער פארמע, אבי עס איז ניט אויסגעארבייט און מאניפעקטשורט אין א געענדיגטען ארטיקעל אדער א זאך צום געברויך, ארנאמענט אדער אנדער צוועק.

די איבערטרעטער פונ'ם געזעץ ווערען באשטראפט ווי פאלגט: פאר דעם ערשטען פארברעך וועהט מען באשטראפט מיט א געלט־שטראף פון ניט מעהר ווי $500 און צו א מעגליכען פריזאן־טערמין פון ניט העכער ווי א יאהר, און פאר דעם צווייטען פארברעך, אזוי אויך פאר די אנדערע ווייטערדיגע פארברעכענס, ווערט מען באשטראפט מיט ניט מעהר ווי א $1000 און א יאהר תפיסה.

אפליקיישאנס פאר "לייסענס" אונטער דעם נעזעץ מוזען אריינגעגעבען ווערען צום אונטערגעצייכנעטען אויף א פארמע, וואס די רעגולאציעס פאדערען. קאפיעס פון די רעגולאציעס קאן מען באקומען אין דעם דעפארטמענט פון מיינעז, פארלאמענט בילדינגס, טאראנטא.

CHARLES McCREA,

מיניסטער פון מיינס.

טאראנטא, אקט. דעם 20־טען 1924.

דייוויס לאזט וויסען

צו זיינע קאסטומערס און אויך צו די וואס וועלען ערשט ווערען זיינע קאסטומערס דאס ער האט א גרויסען סטאק פון גוירדל'ס קאוטלאך מיט פאר קאלערס און אהן פאר קאלערס. אלע סטיילס און אלע סייזעס צו ביליגע פרייזען, אויך באיעס אווערקאוטס און סוטלאך, נייע סטיילס און די בעסטע ווארעס. און אויך פאר סטארקיפערס קומט און זעהט מיין סטאק וואו איהר קענט קריגען די בעסטע ארבייט און גוטע ווארעס צו ביליגע פרייזען 165½ קווין וועסט. טעל. עדלייד 1114.

(4675-11-17)

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

באטהערסט און דאנדאס סטריטס

טעלעפאן טריניטי 0984

הויז טעל. הילקרעסט 8269

אפען איוונינגס.

טעלעפאן עדלייד 5615

דר. ס. קיימס

דענטיסט

218½ קווין וועסט

(קארנער מיקאל סטריט)

טאראנטא.

ווייסט איהר וועגען גענעראל וואולף, וועלכער האט איינגענומען קענעדע פאר די ענגלענדער?

וועגען וואולפ'ן און וועגען אנדערע וויכטיגע פערזאנען קענט איהר לייענען אין

א. ריינוויינ'ס

נייעסטען בוך

קאנאדע - איהר געשיכטע און ענטוויקלונג

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און אין „זשורנאל" אפיס

צו פארענטען

צו פארענטען א פורנישער רום ביי אן אנשטענדיגער פאמיליע, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, גלייך אריינצומופען. פרעגען 65 סיסעל סטריט.

4829-11-2)

צו פארענטען א פלעט פון 3 שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 59 סיסעל סטריט.

4821-11-2)

צו פארענטען א פלעט מיט סטים היט און עלעקטריק פיקסטשורס, סינק אין קיטשען, אלע אנדערע קאנוויניענס. פרעגען 82 דעניסאן עוו.

4819-11-2)

צו פארענטען 2 אדער 3 שעהנע רומס, אלע קאנוויניענס, רענט ביליג. פרעגען 374 מענינג עוועניו, טעלעפאן טרנייטי F 2387.

4824-11-2)

צו פארענטען 2 רומס מיט אלע קאנוויניענס, טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 56 אלסטער סטריט.

4832-11-2)

צו פארקויפען

א שוה ריפיירינג ביזנעס צופארקויפען ביליג, פרעגען 90 עליזאבעט סטריט

4834-11-6)

נעלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך

מ. קאפלענס

81 ליפינקאט סטריט.

טריניטי J 6952

פערלשטיינס חדר

437 יוקליד עוועניו

טעלעפאן טריניטי W 0566

3141-11-18)

דער באוואוסטער לערער

ד. גרינפעלד פון ניו יארקער חדר

110 מארקהאם סטריט

נעהמט אן באיעס אויף צוצוגרייטען צו בר־מצוה, אויך אויסצולערנען, אויב ווער עס פארלאנגט, זיינעם א קינד אלעס א גוטען בעל קורא. גאראנטירט די עלטערען פאר גרויס צופריעדענהייט.

4665-11-3)

ביליג באיעס אווערקאוטס

דאס איז דאס פלאץ וואו איהר קענט קריגען די ביליגסטע באיעס אווערקאוטס, און זעלבען פלאץ וואו מען מאכט זיי צו די ביליגסטע פרייזען און איהר קענט מעטשען א קעפ פון די זעלבע ווארע פאר בלויז איין דאלאר. די פרייזען פון די אווערקאוטס זענען $4.50, $5.50, $6.50, $7.50. די בעסטע בויבערי קאוטס ביז $12.50.

אויך באיעס סוטס זעהר ביליג. מיר מאכען אויך צו ארדער באיעס סוטס און אווערקאוטס פון אונזערע אדער אייערע ווארעס. צופרידענהייט גאראנטירט, אז ניט דאס געלט צוריק. אונזער אדרעס איז:

ב. פעלדמאן, 545 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן עדלייד 4792.

ספעציעלע פרייזען פאר קאנטרי לייט און סטאר קיפערס.

4660-11-18)

שיך

זייט 40 יאהר האנדעלט די ביג 88 שוה סטאר מיט אידען. מיר זענען צופרידען מיט זיי, און זיי מיט אונז. קויפט און באנייט אייך מיט די בעסטע קוואליטי שיך אין נייעסטע סטיילס צו די ביליגסטע פרייזען.

The Big 88

88 קווין סטריט וועסט

האט איהר אויגען טראבעל? האט איהר קאפ שמערצען?

דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען

אפטאמעטריסט

— און אפטישען —

וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינע)

אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

DR. HENRY HARRIS

EYESIGHT SPECIALIST

Phone Trinity 6604

279 College St. Near Spadina

Open until 9 p. m.

פארלאנגט

Want Ads.

ש"ב לעהרער בעל תפלה און בעל קורא פארלאנגט א ריכטיגע שטעלע.

Rev A. Primack, 76 Grey St. Brantford Ont.

4724-10-31)

פארלאנגט א מיידעל אדער א פרוי אין האמילטאן, צו לייכטע הויז ארבייט גוט באצאהלט צום ריכטיגען פערזאן. פרעגען 82 בראנזוויק עוו.

4788-11-2)

פארלאנגט א מיידעל צו הויז ארבייט, קליינע פאמיליע. פרעגען 50 קווין איסט מר. רעפ, דראג סטאר.

4791-11-2)

פארלאנגט א גוטע קעכין אין דער אידישער קינדער היים. פרעגען 336 ענעט סטריט.

3331-11-2)

אן עקספיריענסד אויבער־פרעסער, פארלאנגט א רושאב אין א שאפ אדער קאסטאם ארבייט. טעלעפאן טריניטי W 3979.

4796-11-3)

פארלאנגט א ווייטרעס אויך ארויסצוהעלפען אין קיטשען, מעג זיין א גרינע. פרעגען 496 בעי סטריט.

4799-11-2)

פארלאנגט א גוטען עקספיריענסד פאר אפרייטער. פרעגען פאר דעפארטמענט פעשאן קלאוק קא. 93 ספעדיינע עוועניו.

4817)

פארלאנגט אד רייוער צו דעליווערען סאדא וואסער, מוז זיין באקאנט מיט דער שטאדט און קענען שרייבען. פרעגען די יוניאן סאדא וואסער קא. 30 סענט פעטריק סטריט.

4818-10-2)

פארלאנגט שיך אפרייטערס מעגען זיין גרינע, סטעדי ארבייט. פרעגען 126 גארדען עוועניו.

4820-11-2)

פארלאנגט עקספיריענסד פינישער צו פאר קאוטס. פרעגען 1276 קווין סטריט וועסט.

4831)

פיאנא טיטשער, טוירמס זעהר ביליג. ענגיידזשמענטס קען מען מאכען פאר לערנען אין אייער הויז אדער אין האמבורג קאנסערוואטאריע. מיס גילבערט, טעלעפאן טריניטי W 5619

4830-11-2)

פארלאנגט א מעסענדזש באי פרעגען 126 יארק סטריט

4833)

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

ביי אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג צו בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר נעמען קאנטראקטען פאר אטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ארעלייד 8087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

10 TERAULEY ST

דער נייער וואוינונג פון

חזן קאפלאן

458 בראנזוויק עוועניו

טעלעפאן הילקרעסט 8332

אפיס 11 קאלבארין סט.

טעלעפאן מיין 2907

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316

מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.

3185-11-17)

געלט צו אנטלייען

אויף ערשטע מארטגיידזשעס אויף זיבען פראצענט, און סעקאנד מארטגיידזשעס אויף מעסיגע באדינגונגען.

לאיער פייפערניק, 514 ראנדעס סט. וועסט, טעלעפאן טריניטי J 6073

אויפמערקזאם

מיר מאכען פארשידענע קארפענטער־ארבייט, סטאר פראנטס, גאראדזשעס, שעלווינגס, הויז ריפיירינג צו ביליגסטע פרייזען. צופרידענהייט גאראנטירט.

קאצמאן און מארען, 61 מיידזשאר־סטריט. טריניטי W 6369

אדער טריניטי W 5212.

3009-1-11)

צו פארענטען

To Let

צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז 241 ליפינקאט סטריט קארנער הארבארד, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, 3 געבילדטע גאראדזשעס, סטים היט, גלייך אריינצומופען. פרעגען טעל. לייקסייד W 0811.

4801-11-)

צו פארענטען 456 דאנדעס וועסט, סטאר ערשט געפינישט, בעסטער לאקיישאן פאר א בארבער שאפ אדער עני ביזנעס מיט רומס אדער אהן רומס טעלעפאן טריניטי W 9632.

4800-11-2)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 סינק אין קיטשען, פיקסטשורס, בלייטרס, טעלעפאן, אלע קאנוויניענס. פרעגען 134 גריים סטריט.

3332-11-1)

די שעהנסטע 4 און 6 רומיגע אפארטמענטס צו פארענטען, מאדערנע קאנוויניענס, ביליג, 78 ביקאנספילד און לייקוויו עוועניו. טעלעפאנירט עדלייד 7233.

4792-11-2)

צו פארענטען א 7 רומיגע הויז אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקסטשורס, דאבעל ווארענדע, רענט $35 א מאנאט אויף בעלוואודס עוו. טעלעפאנירט לייקסאד 6355.

4790-10-31)

צו פארענטען א 7 רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס, בעסטען קאנדישאן, עלעקטריק, סטייבעל, אויף 246 פאלמערסטאן עוו. פרעגען נעקסט דאר.

478-10-31)

א דאנסטערז פלעט צו פארענטען, אלע קאנוויניענס ביי א קאפעל. ביליג רענט, יעצט ליידיג. פרעגען 103 גרענודש עוו. טעל. עדלייד 3843

4816-11-4)

צו פארענטען 2 שעהנע רומס, נאר פאר א קאפעל אויף אן ערשטען פלאר, אלע קאנוויניענס. די יעניגע קענען אויך רענטען א סאפט דרינקס סטענד אין דער זעלבער בילדינג, טעמפעט טעאטער, טעלעפאן לייקסייד W 0811. 1032 קווין סטריט וועסט.

4802-11-9)

צו פארענטען, סענטראל, 45 לאפלענט עוועניו, 6 גרויסע רומס, עלעקטריק, אלע קאנוויניענס, יעצט ליידיג. טעלעפאנירט גלעדסטאן W 2677

4804-11-2)

צו פארענטען 3 שעהנע רומס מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס. פרעגען 43 באלדען סטריט.

4794-11-2)

צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז, טענענט אפסטערז, אלע קאנוויניענס. פרעגען 125 ליפינקאט סטריט.

4798-11-2)

ערשטע קלאס פלאסטערינג און טשימני ריפיירס, רופינג ריפיירס, פייפערהענגער און פיינטער. ערשטע קלאס ארבייט פאר קליינע פרייזען.

פרעגען 39 עדווארד סטריט. טעלעפאן עדלייד 7983 נאך 6 א זייגער.

4784-11-3)

טרינקט! טרינקט! טרינקט!

פארלאנגט פאמיליעס וואס ווילען הנאה האבען פון גוטען טיי אדער קאפע צו קויפען די בעסטע אימפארטירטע "עמפייער" טיי און קאפע האט א נאמען איבער גאנץ קאנאדע, און יעצט קען מען עס אויך באקומען אין טאראנטא. רופט אפ ביי טעלעפאן, און א פארטרעטער וועט קומען צו אייך — טעלעפאנירט דזשאנקשאן 2018, יעדער ארדער ווערט צוגעשטעלט אין הויז אריין.

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס און הארדוואוד פלארס און סינק אין קיטשען. פרעגען 229 בעלוויו עוו.

4811-11-2)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס און סינק אין קיטשען. פרעגען 58 סענט פעטריק סטריט.

4812-11-2)

צו פארענטען א שעהנעם פלעט פון 3 רומס סטים היט, הארדוואוד פלארס 471 יוקליד עוועניו.

4810)

א הויז צו פארענטען, 8 רומס, סקווער פלען, הארדוואוד פלארס, 60 נעסאו סטריט, ניער ספעדיינע. ▲

4813-11-2)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען און טעלעפאן צום נוצען. פרעגען 163 יוקליד עוועניו.

4815-11-2)

צו פארענטען א קארנער סטאר, ביליג רענט, פאסיג פאר יעדער ביזנעס ספעציעל פאר גראסערי אדער בוטשער פרעגען 52 ראבינסאן סטריט.

4807-11-2)

6 רומיגע הויז און זומער קיטשען צו פארענטען מעסיגע רענט אין 211 מיידזשאר פרעגען 105 ביטרים סטריט טעלעפאן טריניטי W 0765.

4826-11-2)

פרייזען פאר
קלאסיפייד אדווערטייזמענטס

"פארלאנגט" און "צו פארענטען" אדווערטייזמענטס.

25 סענט קעש א ביז 25 ווערטער. פאר 35 סענט, אויב דורך א „טשארדזש אקאונט".

יעדעס ווארט איבער 25, ווערט גערעכענט צו סענט א ווארט.

ציפערען ווערען גערעכענט, יעדער ציפער באזונדער אלס א ווארט.

פאר טעלעפאן איבער די אדווערטייזמענטס ווא"ס גערעכענט 25 סענט עקסטרא פאר יעדען מאל.

פאר „באקס־נומערס" 10 סענט עקסטרא

צו פארקויפען, ריעל עסטייט, ביזנעס שאנסען און אלע אנדערע אדווערטייזמענטס אין די קלאסיפייד קאלומס — 2 סענט א ווארט.

קלאסיפייד דיספליי

8 סענט אן אגייט שורה

טויט־נאטיצען אדער לווית — פראנט פיידזש 5 דאלאר, אנדערע פיידזשעס 8 דאלאר

אדווערטייזמענטס ווערען גענומען דורכ'ן טעלעפאן. נאר פון די יעניגע וועלכע האבען מיט אונז א "טשארדזש אקאונט".

דער "זשורנאל" וועט ניט זיין פאראנטווארטליך מעהר ווי פאר איין ניט ריכטיגע אינסערשאן. אויב מען האט ניט געלאזט וויסען דעם מעות אין דער זעלבען טאג. איז עס דעם אדווערטייזער'ס פארלוסט.

קויפען און פארקויפען

Bought and Sold

פאר 300 דאלאר קריגט איהר מיין „גראף טורינג קאר" 1923 מאדעל וואס האט מיר געקאסט $850 לעצטעס יאהר ווייל איך פארלאז טאראנטא. די קאר איז אין פורסט קלעס קאנדישאן, מיט א סך עקסטראס. נאכפרעגען 172 עדלייד סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 3836.

4825-11-2)

צו פארקויפען א זומער אדער ווינטער וואוינונג ביים לייק, אכט מייל פון טאראנטא, טעלעפאן, עלעקטריק, וואסער און קלאניזאציע, עלף רומס, הארדוואוד פלארס איבעראל, הייסע וואסער באהייצונג, צוויי עלעקטרישע לאמפען, בריק ווניר, פלאץ פאר פיער קארס אין איין גאראדזש, לאט 100 ביי 225, פריוואט ביטש, לאון, טענים קאורט ווערט אויסגעבויט, פאסענד פאר א זומער־האטעל, טעלעפאנירט טריניטי 4536.

3340-10-31)

צו פארקויפען, סענטראל, 41 לאפלענט עוועניו, בריק, 6 גרויסע רומס, אלע קאנוויניענס. פרעגען אייגענטימער גלעדסטאן 2677.

4805-10-31)

די דענפארט פורניטשור סטאר צאהלט די בעסטע פרייזען פאר סעקאנד הענד פורניטשור, קעש, טעלעפאנירט דזשיראהד W 9951.

4797-11-2)

מילינערי סטאר צו פארקויפען, גרויסער בארגיין צום ריכטיגען פערזאן וואס מיינט ביזנעס. פרעגען 378 יאנג סטריט.

4808-11-3)

בארגען

גוטע קענדי און אייזקרים פארלאר אין א קריסטליכען געגענד, ביליג רענט גאראנטירט א לעבען צו מאכען, ברויכט א טויזענט דאלאר. פרעגען 339 פארלאמענט סטריט טעל. טריניטי 0166.

4809-11-2)

איבערצוגעבען א דריי־גודס סטאר אויף יאנג סטריט אין בעסטען געגענט, אורזאכע קראנקהייט. פרעגען „זשורנאל" באקס 701

4814-11-2)

צו פארקויפען א גראסערי ביזנעס, אויך דעם בילדינג. 53 סאליוואן סטריט קארנער יוהאן סטריט.

4823-10-31)

מארקהעם סטריט ספעשעל

סאליד בריק, סקווער פלאן, צעהן רום רעזידענץ. הייסע וואסער באהייצונג גרויסע סאן רום. דריי שטיק באטה, טאילעט אין קעלער וואש־באסיין אין עטיק. מאמענטאלער היטער. צוויי באזונדערע אריינגאנגען. דאפעלטער גאראדזש, גרויסע קארנער לאט. קיינע אגענטען. פאר איינצעלהייטען זיך ווענדען דורכ'ן טעלעפאן: טריניטי 1912.

4739-10-31)

בארגיינס

אין מענער ווארעס, סוטינג, פארשידענע פענסיע סטרייפס. ווי אויך מענער אווערקאוטינג, די בעסטע ווארעס. וו אויך רעמנעטעס אין בויבערי און פארשידענע ליידיס ווארעס אין סילקס און קענטאן קרעיפ. אלעס אין רושאביגע פרייזען, ריטייל און האלסייל.

פארלירט ניט דאס געלעגענהייט. עס איז פאר אייער אייגענעם נוצען.

ביי מיר באקומט איהר אויך מאלדאווער טיקינג, די בעסטע קוואליטי.

קומט קויפט ביליג, זייט צופרידען, צו מר. סטיצקי, 762 דאנדעס סטריט וועסט, טעלעפאן טריניטי W 9570.

4716-11-23)